**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/10/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול נאמינירט ראָווען ווילסאן צו זיין הויפט ריכטער פון די ניו יארק סטעיט געריכט פון אפיעלס

***גאווערנער האט אויך אין פלאן צו נאמינירן קעיטלין דזש. העליגען צו דינען אלץ אסאָוסיעט ריכטערין פון די געריכט פון אפיעלס; שטיצט ריכטער דזשאָוסעף זאיאס צו דינען אלץ טשיעף אדמיניסטראטיווער ריכטער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט נאמינירט דעם געעהרטן ראָווען ד. ווילסאן, וועלכער האט געדינט אלץ אסאָוסיעט ריכטער פון די געריכט פון אפיעלס פאר די פארגאנגענע זעקס יאר, צו דינען אלץ דער הויפט ריכטער און אנפילן די פלאץ וואס איזליידיג געווארן לעצטע זומער. די גאווערנער האט אויך אין פלאן צו נאמינירן קעיטלין דזש. העליגען, וואס ההאט געדינט אלץ ניו יארק סטעיט סאליסיטאר דזשענעראל און דזשענעראל קאונסיל צו די ניו יארק סטעיט דיסטריקט אטורני און איז יעצט א שותף'טע ביי די געזעץ פירמע פון Selendy Gay Elsberg PLLC, צו ערפילן ריכטער ווילסאן'ס ליידיגע פלאץ אלץ אסאָוסיעט ריכטערין פון די געריכט פון אפיעלס. אין צוגאב האט האקול אנאנסירט איר שטארקע שטיצע פאר ריכטער ווילסאן'ס כוונה צו רעקאמענדירן דעם געעהרטן דזשאָוסעף זאיאס צו באשטימט ווערן אלץ טשיעף אדמיניסטראטיווער ריכטער, באאויפטראגט מיט אויפזיכט איבער געריכט אפעראציעס, אריינרעכנענדיג א בודזשעט פון מער פון 3 ביליאן דאלאר.

"די הויפט ריכטער פון די געריכט פון אפיעלס שטייט נישט נאר אין שפיץ פון די סטעיט'ס העכסטע געריכט, נאר איז אויך פאראנטווארטליך צו פארוואלטן אויף די פארשידנארטיגע און קאמפליצירטע געריכטן אריבער די סטעיט. עס קומט זיך פאר ניו יארקער א שטארקער, ווירקזאמער און דורכגעטראכטער פירער, און איך בין שטאלץ צו נאמינירן ריכטער ווילסאן אלץ הויפט ריכטער," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ריכטער ווילסאן'ס שיינענדע רעקארד פון היטן אויף גערעכטיגקייט און יושר מאכט אים פאר דער פאסיגער מענטש צו פירן די געריכט אין די קריטישע צייט. צו זיכער מאכן אז די געריכט זעצט פאר צו פונקציאנירן אויף א ווירקזאמע פארנעם, האב איך אויך אין פלאץ צו נאמינירן קעיטלין העליגען וואס וועט ברענגען א קריטישע קוק ווינקל צו אונזער יוסטיץ סיסטעם. מיס העליגען איז געווען איינע פון די העכסטע רעקאמענדירטע קאנדידאטן פון די ליסטע פון זיבן וועלכע זענען איבערגעקוקט געווארן דורך די קאמיסיע אויף געריכטליכע נאמינאציעס ( Commission on Judicial Nomination). איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט די טאלאנטפולע מענטשן צו העכערן די שעצונג פון אונזער סטעיט'ס העכסטע געריכט, צו באשיצן ניו יארקער'ס רעכטן און זיכערהייט און צו פארזיכערן אז גערעכטיגקייט ווערט געברענגט. אונזערע געריכטן זענען געווען פארשטאפט זינט די פאנדעמיע, און איך וועל ארבעטן שווער מיט די נייע פירערשאפט אין די געריכטליכע סיסטעם צו פארזיכערן אז יוסטיץ ווערט מער נישט צוריקגעוויזן צוליב פעלערהאפטיגע חלקים אין אונזער סיסטעם."

דער געעהרטער ראָווען ד. ווילסאן האט געדינט אלץ אן אסאָוסיעט ריכטער פון די געריכט פון אפיעלס זינט 2017. אויב באשטעטיגט, וועט ריכטער ווילסאן מאכן היסטאריע אלץ דער ערשטער טונקל-

הויטיגער הויפט ריכטער. ער האט באקומען זיין בעטשעלאר'ס דעגרי פון הארווארד קאלעדזש און ער האט גראדואירט פון הארווארד'ס געזעץ סקול. נאך געזעץ סקול, פון 1984 ביז 1986, האט ריכטער ווילסאן געדינט אלץ א געזעץ קלעריק פאר דעם געעהרטן דזשעימס ר. בראַונינג, הויפט ריכטער פון די פאראייניגטע שטאטן געריכט פון אפיעלס פאר די ניינטע סירקוט.

ער האט זיך דאן אנגעשלאסן מיט Cravath, Swaine & Moore LLP אלץ אן אסאָסיעט, און ער איז געווארן א שותף אין 1992, דינענדיג אלץ דער ערשטער טונקל-הויטיגער שותף אין די פירמע'ס היסטאריע. בשעת'ן זיין א פריוואטער לויער האט ריכטער ווילסאן געהאנדלט מיט מערערע ביזנעס און 'פּראָ באָנאָ' (אומזיסטע) פעלער. ער האט אויך געדינט אלץ טראַסטי פאר די לויערס קאמיטע פאר ציווילע רעכטן אונטער געזעץ (Lawyers Committee for Civil Rights Under Law) און פאר די נאציאנאלע צענטער פאר געזעץ און עקאנאמישע יוסטיץ ( National Center for Law and Economic Justice) און פאר איין און צוואנציג יאר האט ער געדינט אלץ פארזיצער פון די געגנט פארטיידיגער סערוויס פון הארלעם (Neighborhood Defender Service of Harlem) וועלכע שטעלן צו לעגאלע פארטרעטונג און פובליק פארטיידיגונג סערוויסעס פאר די הארלעם קאמיוניטי.

**ראָווען ד. ווילסאן האט געזאגט,** "דינען אלץ הויפט ריכטער פון די געריכט פון אפיעלס וועט זיין די כבוד פון מיין קאריערע, און די נאמינאציע פון גאווערנער האקול איז מיר אן עהרע. באשיצן די רעכטן פון ניו יארקער איז מיין הויפט פריאריטעט, און איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט גאווערנער האקול און אונזערע שותפים אריבער די גאנצע געריכטליכע סיסטעם צו פארוואלטן אויף אונזערע געריכט הייזער און ברענגען גערעכטיגקייט."

קעיטלין דזש. העליגען איז יעצט א שותף'טע אין די געזעץ פירמע Selendy Gay Elsberg PLLC. מיס העליגען האט באקומען איר בעטשעלאר'ס דעגרי פון פּרינסטאן אוניווערסיטעט, און זי האט גראדואירט פון דזשארדזשטאון אוניווערסיטעט געזעץ צענטער אין 1995. נאכן גראדואירן פון געזעץ סקול האט זי געדינט אלץ געזעץ קלעריק פאר די געעהרטע פעטרישע וואלד פון די פאראייניגטע שטאטן געריכט פון אפיעלס פאר די דיסטריקט אָוו קאלאמביע און פאר געעהרטער סטעפען ברייער, אסאָסיעט ריכטער פון די סופּרים געריכט פון די פאראייניגטע שטאטן.

מיס העליגען האט געדינט אלץ הויפט פון די אינטערנעט ביורא אין די אפיס פון די ניו יארק סטעיט אטוירני דזשענעראל און אלץ פירסט דעפיוטי סאליסיטאר דזשענעראל פאר ניו יארק סטעיט, און פון 2001 און 2007 האט זי געדינט אלץ סאליסיטאר דזשענעראל פון ניו יארק סטעיט. זי האט אויך געדינט אלץ אן אלגעמיינע ראטגעבערין פאר די ניו יארק קאונטי דיסטריקט אטוירני'ס אפיס. זי לערנט יעצט אויס עטליכע קלאסן אלץ א געזעץ פראפעסארין אין די הארווארד געזעץ סקול, און זי האט אין די פארגאנגענהייט אויסגעלערנט קלאסן אין די קאלאמביע געזעץ סקול און אין די דזשארדזשטאַון געזעץ צענטער.

**קעיטלין דזש. העליגען האט געזאגט,** "יעצט מער פון סיי ווען מוזן אונזערע געריכט הייזער זיין א פלאץ פון ערנטליכקייט, יושר און גערעכטיגקייט פאר יעדן, און איך בין פארפליכטעט צו היטן אויף די ווירדן אויב איך ווער באשטעטיגט צו דינען אויפן געריכט. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פארן לייגן איר צוטרוי אין מיר דורכאויס די קריטישע צייט פאר אונזער געריכטליכע סיסטעם."

די ניו יארק געריכט פון אפיעלס איז אויפגעשטעלט געווארן אונטער אן אמענדמענט צו די קאנסטיטוציע אין 1847. אין די ערשטע צוואנציג יאר זענען האלב פון די ריכטער אויפן געריכט ערוויילט געווארן און די אנדערע האלב זענען באשטימט געווארן דורך דעם גאווערנער ארויס פון די ריכטער פון די סופּרים געריכט. די קאנסטיטוציאנאלע קאנווענטשען פון 1867-68 האט ארויסגעשטעלט נייע ארטיקלען פארלאנגענדיג זיבן ריכטער, און פון דאן ביז 1977 זענען ריכטער פון די געריכט אויפגענומען געווארן

דורך וואלן איבערן סטעיט. אין 1977 איז די סטעיט קאנסטיטוציע אמענדירט געווארן צו אויפשטעלן א קאמיסיע אויף גערעכטליכע נאמינאציעס צו רעקאמענדירן פארן גאווערנער קאנדידאטן צו באשטימט ווערן צו דינען אויפן געריכט, און דער גאווערנער איז דערנאך פארלאנגט צו באשטימען איינער פון די רעקאמענדירטע קאנדידאטן, מיט די ראט און צושטימונג פון די סענאט. די לעגיסלאטור, פארלאנגט דורך די קאנסטיטוציאנאלע אמענדמענט צו ערמעגליכן דאס אויפשטעלונג און פראצעדורן פון די קאמיסיע, האט אנגענומען ארטיקל 3-A פון דעם גערעכטליכער געזעץ אין 1978, און עס איז אמענדירט געווארן נאך צוויי מאל אין די 1980'ער יארן. אין איינקלאנג מיט קאנסטיטוציאנאלע און געזעצליכע פאדערונגען, פלאנירט גאווערנער האקול צו אונטערשרייבן נאך אן אמענדמענט צו דעם גערעכטליכער געזעץ וואס וועט ערלויבן א גאווערנער צו שנעלערהייט ערפילן א ליידיגע זיץ פון אן אסאָסיעט ריכטער נאך וואס א פאריגער אסאָסיעט ריכטער ווערט הויפט ריכטער — דאס דורכן גיבן די אפציע צו אויסוועהלן א מענטש וועמען'ס נאמען געפונט זיך שוין אויפן באשטעטיגטע ליסטע צו אנפילן די ליידיגע זיץ אויפן געריכט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418